# אשי ישראל
# השלם



## אידיש



י'

# רבי נתן ב"ר פנחס יהושע בייטלמאכער זצ"ל

ביי רבי נתן בייטלמאכער (הבעל השני של הצדיקת מרת גיטעל'ע עליה השלום, אחר שנתאלמנה מרבי ישראל קארדונער זצ"ל) - ער האט נישט געהאט קיין קינדער לא עלינו, ער האט געזעצן מיט א פרוי און נישט געהאט קיין קינדער. ער האט גענומען גיטעל'ע, אז איך פלעג קומען קיין ירושלים בין איך געווען ביי גיטעלע'ן - ביי רבי נתנ'ען, האב איך אלץ געהאט! דאס איז גאר עפעס אנדערש! איך בין געזעצן מיט איהם ביים טיש, כ'האב געזעהן זיינע תנועות, מיט זיינס א דיבור - ס'איז גאר עפעס אנדערש!

ער איז געווען - - ס'איז נישט געווען רבי ישראל - אבער ס'איז געווען - - זיין פאטער האט געהייסן רבי פנחס יהושע, רבי פנחס יהושע איז געווען פון רבי נתנ'ס תלמידים, ער איז געווען א אדם גדול - און 'אמת'... פון דער פאבריק...

און דער רבי נתן - ס'איז דאך געווען זיין טאטע - אז ער פלעג רעדן פונעם פאטער, אז ער פלעגט רעדן פון רבי פנחס יהושע - האב איך געהערט אז ער גייט אויס!

הכלל, ער האט זיך געוואונדערט - וואס ער האט געזעהן ביים טאט'ן, און ער האט געפיהלט אז ער איז ווייט פון אלעס - - ער האט געזעהן אזעלעכס.

(השואל; איר געדענקט עפעס מעשיות פון רבי פנחס יהושע?) כ'האב געהערט אבער איך געדענק שוין נישט, כ'האב עפעס געהערט פון איהם - פון אונזערע מענטשן - פון רבי נתנ'ען. (השואל; ער איז געווען א למדן?) יא, אוודאי, ער איז געווען א למדן - און ער איז געווען א בקי אין תנ"ך אויסנווייניג! און ער איז געווען א חכם עתיק, א בר דעת א גרויסער, און אמת - ס'איז אן אנדערער מין, ס'איז גאר עפעס אנדערש...

אבער דאס איז אלץ אין כח פונעם הייליגן רבי'ן - פון רבי נתנ'ען.

*